# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת **שמות** תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 466



ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## די סדר הדורות ביי די ברכת הנישואין

**"וַיֵּלֶךְ אִישׁ מִבֵּית לֵוִי וַיִּקַּח אֶת בַּת לֵוִי" (ב א)**

די חכמים זאגן (סוטה יב א, הובא ברש"י) אז עמרם האט זיך אפגעשיידט פון זיין פרוי יוכבד צוליב פרעה'ס גזירה פון הרג'ענען די יונגלעך, און ווייל עמרם "גדול הדור היה" האבן אלע אידן אים נאכגעטון. זיין טאכטער מרים האט אים געזאגט: "טאטי, דיין גזירה איז ערגער פון פרעה'ס גזירה, ווייל פרעה האט גוזר געווען נאר אויף די יונגלעך, און דו ביזסט גוזר אויף די יונגלעך און אויף די מיידלעך". עמרם האט אנגענומען די עצה פון זיין טאכטער און צוריק גענומען זיין פרוי, און אזוי שילדערט עס די גמרא: "ער האט איר אוועקגעזעצט אין א אפריון [חופה], אהרן און מרים זענען געטאנצן פאר איר, און די מלאכי השרת האבן געזאגט (תהלים קיג ט): 'אֵם הַבָּנִים שְׂמֵחָה'".

מיט דעם האט **הגר"ח סאלאווייטשיק** פון בריסק פארענטפערט א קשיא אויף דער נוסח ביי די ברכת האירוסין: "...והתיר לנו את הנשואות לנו על ידי חופה וקדושין, ברוך... מקדש עמו ישראל על ידי חופה וקדושין"; לויט די תורה איז פריער די 'קידושין' ['אירוסין'], און ערשט נאכדעם איז די 'חתונה' דורך די 'חופה', איז פארוואס ביי די ברכה איז מען מקדים די חופה פאר די קידושין?

אבער לויט וואס מיר האבן פריער דערמאנט קען מען ערקלערן אז דער נוסח איז לויט דער סדר וויאזוי עס איז צוגעגאנגען די חתונות ביי כלל ישראל; ביז מתן תורה האט מען זיך געפירט חתונה האבן נאר דורך חופה אליין, אזוי ווי די גמרא שילדערט ווען עמרם האט צום צווייטן מאל חתונה געהאט מיט יוכבד דורכדעם וואס ער האט איר אוועקגעזעצט אין א אפריון [חופה], און נאר ביי מתן תורה איז נתחדש געווארן אז מען דארף מקדים זיין א מעשה קידושין בעפאר די חופה (ראה רמב"ם אישות א א), דערפאר האט מען מתקן געווען ביי די נוסח הברכה צו מקדים זיין די חופה צו די קידושין.

'תשובות והנהגות' ח"ד, הנהגות הגר"ח אות קמב

## דער שבת איז באשטימט געווארן לויט משה'ס אויסוואל

**"וַיְהִי בַּיָּמִים הָהֵם וַיִּגְדַּל מֹשֶׁה וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם" (ב יא)**

די חכמים דרש'ענען (שמו"ר א כח) אז ווען משה האט צוגעזען די פלאג פון די אידן, האט ער געבעטן פון פרעה ער זאל זיי געבן איין טאג מנוחה, זאגנדיג: "דער וואס האט א קנעכט, און לאזט אים זיך נישט אפרוהען איין טאג אין די וואך, וועט ער שטארבן", און פרעה האט אנגענומען זיינע ווערטער און האט באפוילן דעם טאג פון שבת זאל זיין א יום מנוחה.

לויט דעם טייטש **רבי יעקב בעל הטורים** דעם נוסח וואס מען זאגט ביי שחרית פון שבת: "ישמח משה במתנת חלקו" - משה האט זיך געפריידט זעהנדיג אז הקב"ה האט אויסדערוועלט דעם טאג וואס ער האט אויסדערוועלט פאר די אידן - דעם טאג פון שבת.

**רבי דוד לוריא** לייגט צו אז מיט דעם קען מען פארשטיין פארוואס ביי די צווייטע לוחות האט די תורה אנגעהאנגען די מצוה פון שבת אין יציאת מצרים, אזוי ווי עס שטייט (דברים ה טו): "וְזָכַרְתָּ כִּי עֶבֶד הָיִיתָ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם וַיֹּצִאֲךָ ה' אֱלֹקֶיךָ מִשָּׁם... עַל כֵּן צִוְּךָ ה' אֱלֹקֶיךָ לַעֲשׂוֹת אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת", און אויך ביי קידוש האבן די חכמים מתקן געווען צו דערמאנען: "זכר ליציאת מצרים"; די פאקט אז מען האט קובע געווען דעם טאג פון שבת אלץ א יום מנוחה אויף די קומענדיגע דורות, דאס דערמאנט יציאת מצרים, ווייל שוין אין מצרים האבן די אידן גערוהט אין שבת.

טור אורח חיים סי' רפא; פירוש הרד"ל על שמו"ר א כז

## די געשריי ווערט געהערט אויף אן א סיבה

**"וַיְהִי בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה; וַיִּשְׁמַע אֱלֹקִים אֶת נַאֲקָתָם" (ב כג-כד)**

מען דארף פארשטיין, נאך וואס עס שטייט: "וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה...", פארוואס דערמאנט די תורה נאכאמאל: "וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה"?

דער **'אור החיים'** הק' ערקלערט אז די תורה האט עס געדאפלט כדי צו באטאנען, אז די געשריי פון די אידן איז ארויף צום אויבערשטן און איז אנגענומען געווארן, כאטש עס איז נישט געווען א געשריי פון א תפילה, נאר א געשריי פון ווייטאג וואס איז געקומען פון די שווערע ארבעט.

מיט אט דער יסוד ערקלערט **רבי אליעזר יצחק פריד** פון די ראשי ישיבת וואלאזשין די סיבה פארוואס ביי 'שמונה עשרה' בעטן מיר "שמע קולנו", אן ארויסזאגן אז אונזער כוונה איז אויף א קול פון תפילה און בקשה: אזוי ווי א טאטע וואס הערט די געשריי פון זיין זון, אויך ווען עס איז נישט געווענדן צו אים, וועט ער זיכער נישט בלייבן שטיין אין די זייט נאר זיך באלד אינטערעסירן פארוואס ער שרייט און וועט אים אויסשטרעקן זיין הילף, אזוי בעטן מיר אויך פון הקב"ה, אז אויך ווען אונזער געשריי קומט פון די צרות, און מיר ווענדן עס נישט צו אים, פון דעסטוועגן זאל ער צוהערן און אונז העלפן.

'אור החיים'; 'נטעי איתן' שביעאי [לר"א זקהיים] עמ' יט

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## אמן – די פראבע פון אמונה

ענטפערן אמן איז א אמונה-דעקלאראציע אינעם אויבערשטן. אויך ווען דער 'שולחן ערוך' קומט ערקלערן די פשוט'ע באדייט פון די ווארט 'אמן', באטאנט ער אין זיינע ווערטער דער ענין פון אמונה, ווייל אזוי שטייט דאס לשון (או"ח קכד ו): "און מען זאל ענטפערן אמן נאך יעדע ברכה... און מיט כוונה, ער זאל אינזין האבן אין הארץ: די ברכה וואס דער מברך האט געזאגט איז אמת און איך גלייב אין דעם".

די אמת איז, אמן איז נישט נאר א אמונה-דעקלאראציע, נאר אויך א 'פראבע פון אמונה'. אונזער באציאונג צו דער ענין פון ענטפערן אמן איז א פארהער ווי שטארק איז אונזער אמונה אין די ווערטער פון די חז"ל וואס האבן גערעדט אזוי גרויס איבער די מעלה פון ענטפערן אמן, אז זיי האבן געזאגט (דב"ר ז א) עס איז נישטא גרעסער'ס פון דעם פאר הקב"ה. אזוי אויך האבן די חכמים צוגעזאגט אסאך גוט'ס אויף דער וועלט און אין די קומענדיגע וועלט פאר דער וואס געבט אכטונג ענטפערן ווי עס דארף צו זיין. לויט ווי שטארק עס וועט זיין אונזער אמונה אין די זאכן, וועלן מיר זיכער זיין גרייט צו מקדיש זיין יעדן טאג אסאך שעות צו מקיים זיין די מצוה! ווייל וואס האבן מיר זיך צו באשעפטיגן מיט אנדערע ענינים ווען פאר אונז האבן מיר אייביגע-מתנות אן א שיעור.

וויבאלד מיר זענען געוואוינט אפשאצן זאכן לויט אונזער מענטשליכן און אויבערפלעכלעכן שטאנדפונקט, איז פאר אונז שווער צו משיג זיין די גרויסקייט און וויכטיקייט פון א קליינע ווארט פון דריי אותיות. אבער מיר מוזן וויסן אז אין הימל איז פארהאן אנדערע חשבונות. און ווען די חכמים האבן געזאגט אז 'עס איז נישטא גרעסער'ס פון דעם פאר הקב"ה', איז דאס די אמת, עס איז נישטא גרעסער פון דעם! כפשוטו!!

די וואס זענען אין די ביזנעס ווייסן ווי וויכטיג איז צו קענען אפלערנען די "מציאות". אמאל אינוועסטן אין זאכן וואס קוקן אויס צו זיין נישטיג און קליין, ברענגען אין ענדע די גרעסטע פארדינסטן. דאס אלעס איז נאר א משל, אפילו גאר א ווייטע משל, אויף די אמת'דיגע און אייביגע וועלט, דער גאנצער ציל פון אונזער קומען אויף דער וועלט איז צו איינקויפן די בעסטע 'אינוועסטמענט'ס' אויף עולם הבא; עס זעהט אויס אז לויט די ווערטער פון חז"ל די גרעסטע שכר איז פארזיכערט פאר די וואס אינוועסטירן אין די מצוה פון ענטפערן אמן.

ווען איך האב אריינגעטראכט אין דעם איז מיר ארויף געקומען א וואונדערליכן געדאנק: עס זעהט אויס אז יעדן אינדערפריה, נאך בעפאר מיר קומען ענטפערן אמן אויף די ברכות השחר, איז שוין פאר אונז געשיקט געווארן א הימלישן דערמאנונג אויף די געוואלדיגע טייערקייט און שכר פון אמן, אין די באקאנטע משנה (מסכת פאה א, א) וואס ווערט געזאגט נאך ברכות התורה: "אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא"; די ערשטע מצוה וואס מיר רעכענען אויס איז "**הפאה**" - וואס איז בגימטריה "אמן".

די חכמים בעטן זיך ביי אונז: גלייבט אין 'אמן'. ענטפערט מיטן גאנצן כח און כוונה, אזוי וועלן אייך זוכה זיין צו מקדש זיין שם שמים און זעהן שטענדיג אסאך טובה וברכה.

**מיט א רוף "אין גדול יותר מאמן!"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# 'יקם סערה לדממה'

יענעם פרייטאג, האט געזאלט זיין א יום טוב אינעם פארט פון חיפה. נאך א ריזיגע אינוועסמענט פון מיליארדן, און פלאנירן און דורכפירן די ארבעט וואס האט געדויערט עטליכע יארן, האט מען ענדליך זיך געקענט פרייען ביים ענדיגן דעם ריזיגן פראיעקט.

אין דעם טאג האט געדארפט אריינקומען אין פארט די ריזיגע שיף 'מאאווא' פון די צווייטע גרויסע שיפינג פירמע אין דער וועלט - MSC. דאס אנקומען פון די ריזיגע שיף, וואס קען טראגן ארום צען טויזענט קאנטענער אויף אמאל, איז ערמעגליכט געווארן נאר נאכדעם וואס מען האט דורכגעפירט א ערנסטע און טייערע ארבעט אינעם פארט, און דאס האט געזאלט סימבאליזירן דאס אריינגיין פונעם לאסט-פארט אין חיפה צו די ליסטע פון די מאדערנע פארט'ן אויף דער וועלט, וואס אזא ריזיגע שיף ווי 'מאאווא' קען דארט אנקומען.

לכבוד די ספעציעלע געלעגנהייט איז אויפגעשטעלט געווארן א גרויסער שאטער אויפן פארט וואו עס האט געדארפט פארקומען א פרעכטיגע מסיבה נאכן פארענדיגן אויסליידיגן די קאנטענער פון די שיף, צו וועלכן מען האט פאררופן פערזענליכקייטן און ביזנעס לייט פון דאהי אין לאנד און פון אויסלאנד, וועלכע האבן גענומען די פלאג צו קומען און פייערן מיטן פארוואלטער, דער מנכ"ל, הער מענדי זאלצמאן,



די לאסט שיף 'מאאווא' ווערט געשלעפט צום פארט

דעם ריזן דערגרייכונג.

עטליכע טעג פארן גרויסן טאג, ווען די התרגשות איז געווען געוואלדיג גרויס, איז מיטאמאל אנגעקומען די נייעס אז א שטארקע שטורעם דערנענטערט זיך צו די ברעג פון לאנד. די נייעס האט צוגעברענגט גרויס זארג אין די הערצער פון די מיטגלידער פון דער פארט-פארוואלטונג, און באזונדער אין הארץ פון הער זאלצמאן.

נישט אסאך האבן געוואוסט אז הער זאלצמאן איז שוין עטליכע יאר אין א שטארקן קאנטאקט מיטן גאון רבי עמרם קוק זצ"ל, וועלכער איז ביי אסאך אנגערופן געווארן 'דער צדיק פון חיפה'. צוליב זיין באקאנטשאפט מיט דעם צדיק, האט הער זאלצמאן זיך מחזק געווען אין שמירת תורה ומצוות, און באשלאסן צו טון אלעס וואס איז אין זיין כח צו פארמאכן דעם ריזיגן פארט - אין וועלכן ער איז געשטאנען אין שפיץ - אין די שבתות ווי ווייט מעגליך.

יעדער ווייסט אז וואס גרעסער איז די שיף, אלץ שטארקער איז די קעגנשטעל אקעגן דעם ווינט, און צוליב דעם די שווערigקייטן איר צו פירן ווערט שווערער. דאס איז אויסער דעם וואס די ריזיגע מאשינען וועלכע דארפן אראפנעמען די לאסט פון די שיף האבן שוועריגקייטן צו טון זייער ארבעט געטריי ווען דער ווינט בלאזט שטארק.

ווי מער די טעג זענען אריבער, און די דעטאלן וואס קומען פון דער מעטעאראלאגישער דינסט, זענען געווארן מער קלאר, איז שטארקער געווארן די געדאנק אז דאס אנקומען און אפלאדענען פון דער שיף וועט דארפן אפגעשטופט ווערן. אויסער דעם וואס דאס וואלט צוגעברענגט אפצושטעלן די געפלאנטע צערעמאניע, איז דער פארוואלטער געווען זייער באזארגט צוליב די מעגליכקייט, מען זאל נישט צווינגען אפלאדענען די זאכן פון דער שיף אין שבת קודש, רחמנא ליצלן.

דאנערשטאג פארנאכט איז דער שטורעם שוין פארוואנדלט געווארן פון א 'פאראויס-קוק' אויף א זיכערער פאקט. די סאטעליט (לווין) בילד האט געקענט זאגן די פונקטליכן צייט ווען דער שטורעם וועט אנגעקומען ביי די ברעג פון די פארט. אבער דער דירעקטאר פונעם פארט, וועלכער האט ווי דערמאנט שטארק מורא געהאט אויף דער מעגליכקייט אז די שיף וועט אריינקומען אין פארט אין גאר א שפעטע שעה און צוברענגען צו א מאסן חילול שבת, האט באשלאסן זיך נישט מייאש זיין.

אין א שפעטע שעה האט ער באזוכט ביי זיין גרויסן רבי'ן מיט וועמען ער האט זיך בעראטן אויף יעדן טריט און שריט, דעם צדיק רבי עמרם קוק זצ"ל, און געבעטן זיין עצה און ברכה.

רבי עמרם דער צדיק, וועלכער האט געפילט א גרויסע אחריות אויף דעם גייסטיגן עקזיסטענץ פון דער שטאט חיפה, האט געזען פאר וויכטיג אז די שבת זאל אפגעהיטן ווערן אין דעם גרויסן פארט, וואס איז בעצם דער טויער פון ארץ ישראל. ער האט שוין יארן אויסגעגאסן אסאך תפילות אז דער פארט זאל נישט ארבעטן שבת, און יעצט איז ער דערשראקן צו הערן פונעם מנהל די שרעקליכע נייעס.

רבי עמרם האט זיך געוואנדן צו די גדולי הדור און געבעטן זיי זאלן מתפלל זיין אז די קדושה פון שבת זאל ווייטער אפגעהיטן ווערן, און גלייכצייטיג האט ער זיך אויך געשטעלט אויסגיסן זיין הארץ צום אויבערשטן.

דערווייל האט דער מנהל זיך פארבינדן מיטן שיף-קאפיטאן פון 'מאאווא', און געבעטן ער זאל צואיילן אנצוקומען צום פארט ווי שנעלער מעגליך, כדי זיי זאלן האבן צייט אפצולאדן די קאנטענער איידער דער שטורעם קומט.

א קורצע צייט שפעטער האבן זיך אנגעהויבן צו הערן די קולות פון די שטורעם; שטארקע ווינטן האבן געבלאזן, בליצן האבן געבליצט און דונערן האבן געדונערט, און עס האט אויסגעזען אז דער שטורעם איז שוין דא. די פארשטייער פון MSC פירמע, וועלכע זענען געקומען פון אויסלאנד אויף די געלעגנהייט, האבן מיט גרויס זארג באטראכט די מצב, ווי די שעה'ן האבן זיך גערוקט, האבן זיך געשטארקט די בליצן און דונערן, און עס האט אנגעהויבן צו קומען רעגן. קיינער האט נישט געקענט פאראויסזאגן צי די פלאנירטע צערעמאניע וועט פארקומען ווי ערווארטערט אדער נישט.

האלב נאך איינס ביינאכט, האבן די פארט אפיסעס באקומען א מעסעדזש וואס האט אנגעזאגט אז די שיף קומט אן אין פארט. דער שטורעם איז שוין געווען גענוג שטארק כדי צו באפעלן דעם קאפיטאן צו היטן אויף א ווייטקייט פונעם פארט, אבער דער פארוואלטער צוליב זיין שטארקע אמונה האט ער פונדעסטוועגן באשלאסן אנצוהייבן דעם פראצעס פון אויפנעמען די שיף, ער האט געשיקט די שלעפ-שיפן, די וואס האבן געדארפט ציען די שיף צו די פארט, צו די שיף.

צוויי אזייגער פארטאג'ס, פונקט אין דער צייט וואס די שלעפ-שיפן האבן אנגעהויבן די פראצעס פון שלעפן די שיף, איז מיטאמאל פארגעקומען א וואונדערליכן נס. דער גרויסער שטורעם האט זיך באַרואיגט און א שטילקייט האט געהערשט אין געגנט. אין בערך א שעה ארום איז די שיף שוין געווען צוגעבינדן צום פארט, און די איבערגעגעבענע פארט-ארבעטער האבן אנגעהויבן עס אפצולאדענען. די ארבעט איז געטון געווארן מיט א אויסערגעווענליכן זריזות, ווייל קיינער האט נישט געוואוסט ווען דער שטורעם וועט זיך ווידער אנהויבן.

9 אזייגער אינדערפרי איז פארענדיגט געווארן דער פראצעס פון אפלאדענען. מיט א שעה שפעטער האט זיך געדארפט אנהייבן די צערעמאניע, און דא האט ווידער אנגעהויבן צו גיין א שווערער רעגן. ווידער האט א פראגע צייכן געשוועבט איבער דער צערעמאניע, וועט עס פארקומען אדער נישט?!

און דער נס איז ווידער געשען. גענוי צען אזייגער האט אויפגעהערט די רעגן, די וואלקענעס האבן זיך צושפרייט און א אנגענעמע זון האט א קוק געטוהן פון צווישן זיי. דער פאקט איז געווען אין א קעגנזאץ צו די פאראויסגעזאגטע נייעס וואס איז נעכטן נאכט צושפרייט געווארן, און די געסט וואס זענען געקומען צו די געשעעניש, אפילו די גוים צווישן זיי, האבן נישט געקענט נישט איבערראשט ווערן פון דעם וואונדערליכן נס וואס איז געשען פאר זייערע אויגן.

א פערטל צו דריי, בערך צוויי שעה פאר שבת, האט 'מאאווא' פארלאזט די פארט און דער ענערגישער הער מענדי זאלצמאן האט ענדליך געקענט ארויסלאזן א זיפץ פון פרייהייט.

צום גרויסן וואונדער, עטליכע מינוט נאכדעם וואס די שיף האט פארלאזט דעם פארט, איז די שטורעם באנייט געווארן מיט איר פולן קראפט, און צוליב דעם איז דער פארט פארמאכט געווארן פאר שיפן ביז זונטאג אינדערפרי.

נאר עטליכע מענטשן האבן געוואוסט פונעם באהאלטענער צדיק וואס שטייט הינטער דעם נס. נאר ווייניג האבן געוואוסט וויפיל תפילות ער האט געדאוונט אז אויך די שבת זאל אפגעהיטן ווערן אין די פארט חיפה און דעם אויבערשטנ'ס נאמען זאל געהייליגט ווערן.

ספר 'האמונה מה למעשה' עמ' 210

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

## ענטפערן אמן אויף א ברכה פון א גע'גזל'טע עסנווארג

**דער וואס עסט א גע'גזל'טע עסנווארג, זאל נישט זאגן אויף דעם א ברכה, נישט א ברכה ראשונה און נישט א ברכה אחרונה, און אויב ער האט יא געזאגט זאל מען נישט ענטפערן אמן. אבער עס איז דא וואס האלטן אז אויב האט מען געגעסן א גע'גזל'טע ברויט זאל ער בענטשן נאכן עסן. דערפאר דער וואס בענטש ברכת המזון נאכן עסן גע'גזל'טע ברויט דארף מען ענטפערן אמן.**

### מקורות וביאורים:

עסן א גע'גזל'טע עסנווארג בעפאר דער גזלן טוהט אין דעם א שינוי מעשה, ווערט עס גערעכנט א אכילת איסור. ווייל ביז ווען די גזילה איז געענדערט געווארן, געהערט עס פארן אייגנטומער, און דער גזלן איז מחויב אים צוריק געבן די גזילה זעלבסט, און אויב ער עסט דאס אויף איז ער מיט דעם עובר אויף א איסור, און ער זאל נישט זאגן א ברכה פארדעם און נאכדעם, ווייל זיין ברכה איז א 'ניאוץ' (שו"ע הרב קצו ב). און עס איז פשוט אז אויב דער גזלן האט עובר געווען און געזאגט א ברכה, זאל מען נישט ענטפערן אויף דעם, אזוי ווי די הלכה ווען איינער זאגט א ברכה אויף עסן א איסור (ראה משנה ברורה קצו ב). דער 'שולחן ערוך הרב' שרייבט (שם) אז דער וואס גנב'עט ברויט און האט עס געגעסן, טראץ ער מעג נישט זאגן אויף דעם א ברכה ראשונה, זאל ער אויף דעם בענטשן ברכת המזון. ווייל דערנאך וואס די ברויט איז אויפגעגעסן געווארן דארף שוין נישט דער גזלן צוריק געבן די ברויט, נאר אויף אים ליגט א חיוב פון באצאלן געלט. כאטש דער גזלן האט עס געגעסן באיסור, פון דעסטוועגן נאכן עסן איז עס שוין זיינס און זיין ברכה איז נישט קיין ניאוץ. די מקור פון דעם איז אין 'מגן אברהם' (ריש סי' קצו), אבער דער 'מגן אברהם' שרייבט די הלכה נאר דרך אפשר, און דער 'שולחן ערוך הרב' נעמט עס אן אויף זיכער. דאקעגן דער 'משנה ברורה' ('שער הציון' שם ט) קריגט זיך און האלט אז דער וואס גזל'ט ברויט און עסט עס אויף, בענטש נישט קיין ברכת המזון, ווייל מען דארף חושש זיין צו די וואס האלטן אז אויך נאכן קונה זיין איז דא א חשש פון ניאוץ אין זיין ברכה, איבערהויפט אז דער 'מגן אברהם' שרייבט זיינע ווערטער נאר בדרך אפשר. אבער וועגן ענטפערן אמן, שטייט אין 'נוטרי אמן' (ח"ב עמ' קכג) אז מען דארף ענטפערן אמן נאך איינער וואס פירט זיך ווי די וואס זענען מתיר צו בענטשן ברכת המזון אויף א גע'גזל'טע ברויט.

די פוסקים קריגן זיך ארום אויף א גע'גזל'טע עסן וואס דער גזלן האט עס קונה געווען מיט א שינוי מעשה פארן עסן: לויטן 'שולחן ערוך' (או"ח תרמט א. וראה 'מגן אברהם' ריש סי' קצו שאף הרמ"א או"ח תנד ד סובר כן) אויך איינער וואס גזל'ט א מאכל און מאכט אין דעם א שינוי מעשה, צ.ב.ש. איינער וואס גזל'ט מעהל און נאכדעם קנעט ער פון דעם א טייג און האט עס אפגעבאקן, זאל ער נישט זאגן אויף דעם א ברכה פארן עסן און אויך נישט נאכדעם. ווייל מיטן דערמאנען דעם שם שמים אויף א מאכל וואס איז געקומען צו אים דורך גזילה דערצערנט ער דעם אויבערשטן ('משנה ברורה' קצו ד). אבער דער ב"ח (שם) קריגט און האלט אז א גזילה וואס מען האט קונה געווען דורך א שינוי מעשה פארן עסן, זאגט מען אויף א ברכה ראשונה און אחרונה (וראה 'מגן אברהם' שם שאף מדברי ה'מגיד משנה' חמץ ומצה ו ז משמע שסובר כן).

להלכה שרייבן די פוסקים, אז דער וואס גזל'ט א מאכל און האט געטון אין דעם א שינוי זאל נישט זאגן א ברכה ראשונה, אבער אויב ער האט געגעסן א גע'גזל'טע ברויט זאל ער יא בענטשן ברכת המזון, ווייל די חיוב איז מדאורייתא דערפאר דארף מען מחמיר זיין ('מגן אברהם' שם; 'משנה ברורה' שם). אבער דער 'שולחן ערוך הרב' (שם) פסק'נט ער זאל אויך זאגן א ברכה ראשונה.

## ענטפערן אמן נאך איינעם וואס מען האט אים געצווינגען עסן

**דער וואס מען האט אים געצווינגען עסן, זאל נישט זאגן א ברכה פארן עסן און נישט נאכדעם, אויך אין ענדע האט ער הנאה געהאט פון די עסן. און עס זענען דא וואס האלטן אז ער זאגט א ברכה פארדעם און נאכדעם. וויאזוי עס זאל זיין, אויב ער האט געזאגט אויף דעם א ברכה ענטפערט מען אויף דעם אמן.**

### מקורות וביאורים:

דער רמ"א (או"ח רד ח) פסק'נט אז איינער וואס מען האט געצווינגען עסן זאל נישט זאגן אויף דעם א ברכה פארדעם און נאכדעם, כאטש ער האט הנאה פון די אכילה, ווייל ער וויל דאך נישט עסן (שו"ע הרב שם טו. וראה להלן מה שהבאנו בשם ה'חתם סופר'). אבער דער 'משנה ברורה' (שם מה) ברענגט די וואס קריגן און האלטן אז מען דארף זאגן א ברכה אויף עסן געצווינגענערהייט סיי פארדעם און נאכדעם, ווייל סוף כל סוף האט ער פון דעם הנאה געהאט. און ברענגט וואס דער 'חיי אדם' (מט ח) איז מכריע אז אויב מען האט אים געצווינגען עסן ברויט און איז זאט געווארן פון דעם, זאל ער יא בענטשן ברכת המזון, ווייל עס איז א מצוה מן התורה. לויט דעם שטייט אין ספר 'לקט הקמח החדש' (קכד כב), אז דער וואס הערט א ברכה פון איינעם וואס מען האט אים געצווינגען עסן, זאל ענטפערן אמן, אזוי ווי עס איז די הלכה ווען איינער זאגט א ברכה וואס איז א מחלוקת הפוסקים (ראה ביאור הלכה רטו ד).

אויך די וואס האלטן אז איינער וואס מ'האט אים געצווינגען עסן איז פטור פון צו זאגן א ברכה, דער וואס איז געצווינגען צו עסן א איסור צוליב א סכנה, דארף יא זאגן א ברכה פארדעם און נאכדעם (שו"ע קצו ב; רד ט). דער אונטערשייד פון צווישן איינער וואס מען האט אים געצווינגען עסן וואס דער רמ"א פסק'נט אז ער זאל נישט זאגן א ברכה, און דער וואס מוז עסן צוליב א סכנה, ערקלערט אזוי דער 'חתם סופר' (שו"ת, או"ח סי' רב): "דער וואס עסט מיט זיין אייגענעם ווילן צוליב פיקוח נפש, לויבט דעם אויבערשטן וואס האט באשאפן די פרוכט אדער די ברויט, ווייל אפילו אויף זעטיגן זיין הונגער זאגט ער א ברכה, איז דאך זיכער אז ער דארף לויבן און דאנקען אויף דעם וואס ער האט אים צוגעשטעלט אזאך וואס קען אים ראטעווען פון טויט. און אויך אויף דעם וואס השי"ת האט אים רחמנות געהאט און געלאזט עובר זיין אויף די תורה און מצוות כדי ער זאל בלייבן לעבן, איז וויאזוי זאל ער נישט זאגן א ברכה?! אנדערשט איז דער וואס מען האט אים געצווינגען עסן אקעגן זיין ווילן, וואס זאל ער לויבן? אז די פרוכט איז באשאפן געווארן, הלוואי וואלט עס נישט באשאפן געווארן, ווייל ער עסט דאך אקעגן זיין ווילן". און זעה אויך אין 'משנה ברורה' (שם) און 'שער הציון' (שם לח).



הגה"ק רבי שמעון סופר זצ"ל דער רב פון קראקא

# שובו בנים שובבי"ם

**אין א דרוש אויף די ימי השובבי"ם שרייבט דער רב פון קראקא רבי שמעון סופר א זון פון 'חתם סופר' ('מכתב סופר' שמות):**

**איינער וואס זוכט א וועג צו פאררעכטן זיינע זינד, אזוי ווי די חכמי הסוד שרייבן מען זאל טון אין די וואכן פון שובבי"ם, זאל אין די וואכן ספעציעל מקפיד זיין אויף "ענטפערן אמן אויף אלע ברכות", און זאל אכטונג געבן זאגן ברכות הנהנין ווי עס דארף צו זיין.**

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

### יש קונה עולמו דורך ענטפערן אמן

אויפן פסוק וואס מיט דעם הייבט זיך אן פרשת עקב - "והיה עקב תשמעון..." (דברים ז יב), ערקלערט רש"י (ע"פ תנחומא עקב א) אז דיווארט 'עֵקֶב' ווערט פארטייטש פון די ווארט 'עָקֵב', פערשט. דאווארנט אן די תורה צו מקיים זיין די "מצוות קלות שאדם דש בעקביו".

האדמו"ר רבי יצחק הורוויץ ממעליץ ניו יארק פלעגט צו זאגן: ליידער, צו אונזער גרויסע ווייטאג האט יעדער מענטש געוויסע מצוות וואס ער איז אין זיי אביסל מזלזל. אמאל שטאמט עס פון די לייכטקייט וואס מען קען מקיים זיין די מצוה, ווייל עס זענען דא מענטשן וואס טון אונטערשאצן א מצוה וואס מען קען מקיים זיין לייכט אן אנשטרענגונג. אבער, מען דארף וויסן אז עס איז נישטא א וועג צו קענען מעסטן די חשיבות פון די מצוות. עס קען זיין א מצוה וואס אסאך וועלן עס נישט שעצן, און פון דענסטוועגן איז עס טייער און חשוב. אלס ביישפיל דערויף ברענגט דער מעליצער רבי די מצוה פון ענטפערן אמן, און דאס זענען זיינע ווערטער ('ברכת יצחק' פרשת עקב):

"למשל ביי די פשוטע מענטשן, קען זיין אז ענטפערן אמן איז נישט אזא חשובע מצוה, אבער די גדולי תורה ויראה ווייסן אז ענטפערן אמן טון אויף אסאך, ווייל "גדול העונה יותר מן המברך" (ברכות נג ב), אזוי אויך זאגן חז"ל (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן"...

פירט אויס דער מעליצער רבי אז אויף דעם זאגט די גמרא (ע"ז י ב): "בכה רבי ואמר: יש קונה עולמו בשעה אחת ויש קונה עולמו בכמה שנים". דורך מקיים זיין אזא מצוה אזוי ווי ענטפערן אמן, קען דער מענטש צוקומען "בשעה אחת" צו א דרגה וואס עס זענען דא אזעלכע וואס פלאגן זיך עטליכע יאר כדי צו דערגרייכן צו דעם. אויך די ווארט "עקב" וואס גייט ארויף אויף די מצוות וואס ווערן צוטרויטן מיט די פוס, איז מרמז אויף די מעלה וואס מען קען צו דעם זוכה זיין דורכ'ן עס מקיים זיין; עקב איז ר"ת: "קונה עולמו בשעה".

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

צו די רעדאקציע 'וכל מאמינים' שלום וברכה

אלס א איינוואוינער אין שטאט נתיבות וואס איז אין דרום ארץ ישראל, דאנק איך דעם אויבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו וואוינען אין א מקום-תורה. אבער צום באדויערן, ענקערע וואונדערבארע גליונות דערגרייכן נישט צו די געגענט וואו איך וואוין.

איך פערזענליך מאך זיכער אז די גליונות זאלן אנקומען צו מיר תמידין כסדרן, דורך משפחה מיטגלידער און פריינט וואס וואוינען אין די צענטראלע שטעט. און ס'זענען אויך געווען פעלער, וואס איך האב געזוכט אין די 'גניזה' אלטע גליונות צו משלים זיין א גליון וואס איך האב נישט באקומען. אבער עס לוינט זיך איר זאלט נעמען אין באטראכט בשעת'ן פארשפרייטן די גליונות, אויך די קלענערע שטעטלעך, להגדיל תורה ולהאדירה.

ענקער אויסערגעווענליכן התחדשות איז וואונדערבאר. עס איז אויסערגעווענליך צו זען ווי אלע קאלום'ס זענען אנגעפילט יעדע וואך מיט רייכע און נייע מאטעריאל כמעין המתגבר. דער קוואל פון אמונה קוועלט און זעטיגט אלע ליינער וואס דארשטן נאך ענקער וואונדערליכן מאטעריאל. א באזונדערן דאנק אויף די הלכה אפטיילונג וואס פארברייטערט די ידיעות און לערנט אויס די דקדוק ההלכה אין אזא וויכטיגע נושא.

אלס איינער וואס איז מקפיד צו זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא יעדן טאג, אפילו ווען איך געפין זיך אין אן ארט וואו מען קען מיך נישט, און אמאל איז דאס פארבינדן מיט אן אומבאקוועמקייט, איז מיר אויפגעקומען א טייערע געדאנק אין דעם ענין:

ביי די 'יהי רצון' נאך די ברכה 'המעביר שינה' בעטן מיר: "ותתננו היום **ובכל יום** לחן ולחסד ולרחמים בעיניך ובעיני כל רואינו". איז באקאנט די פראגע פארוואס זאגן מיר "ובכל יום", מיר בעטן דאך יעדן טאג די בקשה?

נאר, יעדן טאג נאך פארן זאגן ברכות השחר, דארפן מיר צוקומען צו חן, כדי צו טרעפן א חברותא צו זאגן די ברכות השחר אין יעדע פלאץ. דעריבער בעטן מיר שוין אויף דעם מארגנדיגן טאג מיר זאלן זוכה זיין צו חן און חסד ורחמים און אונז זאלן מיר קענען זאגן ברכות השחר פאר איינעם וואס וועט ענטפערן אמן אויף זיי, און דעמאלטס אין זכות פון 'אמן' זענען מיר פארזיכערט אז "תגמלנו חסדים טובים".

און עס קען זיין אז אויף דעם איז מרמז דער פסוק "אם נא מצאתי חן בעיניך" וואס ווערט געדאפלט עטליכע מאל אין תורה (בראשית יח ג; ל כז; לג י; מז כט; נ ד; ועוד). "אם נא מצאתי" איז ר"ת אמן. אונז צו לערנען אז עס איז דא א הבטחה אויף האבן חן ווען מיר ווילן מקיים זיין די מצוה פון ענטפערן אמן. און פון די צווייטע זייט דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן וועט זוכה זיין לחן ולחסד ולרחמים בעיני אלוקים ואדם.

**בכבוד רב**

**ש.מ.ר. - נתיבות**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די מצבה אויפן קבר פונעם מהר"ם א"ש זצ"ל

### מהר"ם א"ש

### כ"ד טבת תרי"ב

דער גאון רבי מאיר אייזענשטאטער, באקאנט אלס 'מהר"ם א"ש', איז געבוירן געווארן אין יאר תק"ם אין שטאט אייזענשטאט, צו זיין פאטער, הגאון רבי יהודה לייב, א תלמיד פון מהר"ם בנעט.

אלס קינד האט ער געלערנט תורה ביי זיין פאטער. ווען דער 'חתם סופר' האט געעפנט זיין ישיבה אין שטאט מאטערסדארף, איז דער מהר"ם געווען פון זיינע ערשטע תלמידים, און ווען ער האט שפעטער אריבערגעפירט זיין ישיבה קיין פרעשבורג איז דער מהר"ם מיטגעאנגען, און איז געווארן איינער פון זיינע גרעסטע און חשוב'סטע תלמידים.

אין יאר תקצ"ה נאכן דינען אלס רב אין פארשידענע שטעט, איז ער געקרוינט געווארן אלס רב ואב"ד אין שטאט אונגוואר. דארטן האט ער געגרינדעט א גרויסע ישיבה, וואו הונדערטער בחורים האבן זיך דארט פארזאמלט, און די חשובע אונגארישע רבנים זענען געווען זיינע תלמידים.

נאך די פטירה פון זיין רבי'ן דער 'חתם סופר' אין תשרי ת"ר, איז דער מהר"ם א"ש פאררעכנט געווען אלס איינער פון די גרעסטע מנהיגים פונעם אונגארישן אידנטום, אסאך מענטשן האבן צו אים געווענדן זייערע שאלות, טייל פון זיי זענען געדרוקט געווארן אין זיין ספר שו"ת 'אמרי אש'.

כ"ד טבת תרי"ב איז ער נסתלק געווארן, און איז געקומען לקבורה אין די בית החיים אין שטאט אונגוואר.

אין ספר 'זכרון יהודה' וואס רבי מנחם אייזענשטאטער א זון פון מהר"ם א"ש האט מחבר געווען, שרייבט ער 'הנהגות ישרות' וואס זיין גרויסער פאטער האט זיך געפירט יעדן טאג. און אזוי שילדערט ער וויאזוי ער האט מקפיד געווען צו הערן ברכות השחר פון די מתפללים, כדי צו ענטפערן נאך זיי אמן (מהד' אונגוואר תרכ"ח, דף יח ע"ב):

"ער איז געגאנגען אין בית הכנסת אדער אין בית המדרש אנגעטון מיט די טלית און תפילין, און פינף צי זעקס מענטשן האבן געזאגט פאר אים די ברכות השחר, און ער פלעגט ענטפערן נאך זיי אמן כדי צו משלים זיין צדי"ק אמנים".